ספרי׳ — אוצר החסידים — ליובאוויטש

קובץ
שלשלת האור

היכל
תשיעי

שער
שלישי

# לקוטי שיחות

על פרשיות השבוע, חגים ומועדים

•

מכבוד קדושת

## אדמו״ר מנחם מענדל

זצוקללה״ה נבג״מ זי״ע

**שניאורסאהן**

מליובאוויטש

•

## במדבר

**(חלק כח)**

יוצא לאור על ידי מערכת

**„אוצר החסידים"**

770 איסטערן פּאַרקוויי

ברוקלין, נ.י.

שנת חמשת אלפים שבע מאות שמונים וחמש לבריאה

מחזור הראשון של לימוד הלקוטי שיחות

שבוע פרשת במדבר, כז אייר־ד׳ סיון, ה׳תשפ״ה (א)

**Likkutei Sichot**

Copyright © 2025
by
Kehot Publication Society®
770 Eastern Parkway / Brooklyn, New York 11213
(718) 774-4000 / FAX (718) 774-2718
editor@kehot.com / www.kehot.org

All rights reserved. No part of this publication may be reproduced, stored in a retrieval system, or transmitted in any form or by any means, electronic, mechanical, photocopying, recording, or otherwise, without prior permission from the copyright holder.

Kehot Publication Society® and the Kehot logo are registered trademarks of Merkos L'Inyonei Chinuch.

For dedications of the weekly Sichos, please contact us at: dedications@kehot.com

# במדבר

א. אין פסוק[1] „והלוים יחנו סביב למשכן העדות ולא יהי׳ קצף על עדת בני ישראל גו׳״, איז רש״י מעתיק די ווערטער „ולא יהי׳ קצף״ און איז מפרש: „אם תעשו כמצותי לא יהי׳ קצף ואם לאו שיכנסו זרים בעבודתם זו יהי׳ קצף״.

דאַרף מען פאַרשטיין[2]: רש״י האָט שוין געבראַכט כמה פעמים[3] דעם כלל אַז „מכלל לאו אתה שומע הן״ — איז וויבאַלד אין פסוק שטייט, אַז ווען מ׳וועט מקיים זיין דעם ציווי — „לא יהי׳ קצף״, איז דאָך מובן מעצמו אַז אויב מ׳וועט עס ניט מקיים זיין — „יהי׳ קצף״; וואָס איז דאָ רש״י מחדש בפירושו[4]?

אפילו אויב מ׳זאָל זאָגן[5] אַז רש״י וויל דאָ מדגיש זיין (ניט סתם דעם עצם הענין אַז „ואם לאו . . יהי׳ קצף״, נאָר) אַז דאָס איז די גאַנצע כוונה פון דעם פסוק, צו לאָזן הערן דעם עונש („ואם לאו . . יהי׳ קצף״) — וואָרום אין דעם „הן״ (אַז „אם תעשו כמצותי לא יהי׳ קצף״) איז דאָך גאָר קיין חידוש ניטאָ[6] — איז נאָך אַלץ ניט מובן:

וואָס איז די אריכות הלשון אין רש״י — „אם תעשו כמצותי לא יהי׳ קצף ואם לאו שיכנסו זרים בעבודתם זו יהי׳ קצף״? רש״י האָט געדאַרפט זאָגן בקיצור: ולא יהי׳ קצף — הא אם לא תעשו כן יהי׳ קצף [וע״ד לשון רש״י פריער אין פ׳ שמיני[7] אויפן פסוק „ראשי־כם אל תפרעו גו׳ ולא תמותו״ — „הא אם תעשו כן תמותו״].

מפרשים ענטפערן[8], אַז דער חידוש פון רש״י דאָ איז (ניט דער עצם הענין פון „ואם לאו . . יהי׳ קצף״, נאָר) צו לאָזן הערן וועמען דער פסוק מיינט שולל זיין מיטן „ולא יהי׳ קצף״: לפום ריהטא קען מען מיינען אַז די ווערטער באַציען זיך צו התחלת הפסוק „והלוים יחנו גו׳״, אַז אויב זיי וועלן אַזוי טאָן „לא יהי׳ קצף״, „ואם לאו (אויב די לוים לא יחנו) יהי׳ קצף״ — איז רש״י שולל דעם פירוש, און איז מפרש „ואם לאו שיכנסו זרים בעבו־דתם זו״, אַז דער „ולא יהי׳ קצף״ איז אַ המשך צום פריערדיקן פסוק[9] „והזר הקרב יומת״, אַז אויב „יכנסו זרים בעבו־דתם זו״ וועט זיין אַ „קצף על עדת בני ישראל״.

אָבער אויך לויט דעם איז ניט פאַר־שטאַנדיק:

א) כנ״ל, וואָס איז די אריכות אין התחלת לשון רש״י „אם תעשו כמצותי לא יהי׳ קצף״ — מאי קמ״ל?! רש״י האָט געדאַרפט אָנהויבן מיטן „לאו״, „הא אם יכנסו כו׳ יהי׳ קצף״?

ב) אפילו אויב יע זאָגן דעם „הן״ — פאַרוואָס זאָגט עס רש״י בלשון „אם

1) פרשתנו א, נג.

2) כן הקשה גם בשפ״ח.

3) יתרו כ, יב. תצוה כח, לה. תשא ל, כ. ועוד.

4) ובכל אופן צ״ע (לכאורה) הטעם למה חוזר רש״י על כלל זה כמה פעמים בפירושו. ואכ״מ.

5) ראה ס׳ זכרון, באר מים חיים (לאחי המהר״ל) ודבק טוב כאן.

6) דבק טוב.

7) י, ו (הובא בס׳ זכרון כאן). וראה גם פרש״י אמור כא, יב. שם, טו.

8) ס׳ זכרון ושפ״ח כאן.

9) א, נא. וראה חזקוני כאן.

תעשו כמצותי״ סתם (ניט אויסטייטשנ־דיק וועגן וועלכער מצוה דאָ רעדט זיך)? לכאורה האָט ער געדאַרפט זאָגן ביים „הן״ בהתאם ווי ער איז מסיים ביים „לאו״: „אם לא יכנסו זרים (וכיו״ב) לא יהי׳ קצף הא אם יכנסו יהי׳ קצף״.

ג) אויך אין לשון רש״י „שיכנסו זרים בעבודתם זו״ איז ניט גלאַטיק: בכלל איז דרכו של רש״י צו באַנוצן זיך מיט לישנא דקרא — פאַרוואָס איז ער משנה פון פריערדיקן פסוק „והזר הקרב (לעבו־דתם זו[10])״, און זאָגט „שיכנסו זרים (בעבודתם זו)״? אויך: פאַרוואָס נוצט דאָ רש״י לשון רבים „שיכנסו זרים״[11]?

ב. ווייטער איז רש״י ממשיך: כמו שמצינו במעשה קרח כי[12] יצא הקצף וגו׳.

איז אינגאַנצן ניט פאַרשטאַנדיק:

א) וואָס איז רש״י דאָ אויסן מיט דער ראי׳ פון „מעשה קרח״? דאַרף מען דען אָנקומען צו אַ ראי׳ אַז ווען דער אוי־בערשטער וואָרנט מיט אַן עונש (קצף) פאַר דעם חטא פון קירוב זר לעבודה, וועט טאַקע אָנקומען דער עונש?!

ב) ועיקר: וואָס איז איבערהויפּט די ראי׳ פון „מעשה קרח״ (וואָס האָט לכאורה גאָר קיין שייכות ניט) צום תוכן פון דעם פסוק: ביי „מעשה קרח״ איז דער „יצא הקצף מלפני ה׳״ ניט פאַר־בונדן מיטן עון פון „יכנסו זרים בעבו־דתם זו״, נאָר בשייכות צו דער מגיפה אויף אידן דערפאַר וואָס זיי האָבן זיך

10) לשון רש״י שם.

11) ואף שנאמר „ולא יהי׳ קצף על עדת בנ״י״ — ראה ראב״ע עה״פ שהפירוש בזה „אחד מעדתם״. והרי ע״פ הנ״ל קאי זה על „והזר הקרב יומת״.

12) קרח יז, יא.

מתלונן געווען („ממחרת״ פון מעשה קרח) „אתם[13] המתם את עם ה׳״[14].

נאָך מער: אפילו דער חטא צוליב וועלכן די „חמשים ומאתים איש מקריבי הקטורת״[15] האָבן באַקומען זייער עונש איז ניט בדומה צו „יכנסו זרים בעבודתם זו״ אין די פסוקים: פסוקים דידן רעדן וועגן עבודת הלוים (הורדת המשכן והקמתו[16] און שמירת המשכן[17]), משא״כ דאָרט רעדט זיך וועגן אַ זר (כולל אַ לוי) וואָס טוט עבודת הכהונה[18].

און עס איז אַ דוחק גדול צו זאָגן אַז רש״י איז נאָר אויסן ברענגען אַ דוגמא אויף דעם ענין פון „קצף״ (עונש) — אפילו ווען דאָרטן רעדט זיך וועגן אַן אַנדער חטא.

13) שם, ו.

14) ואף שפשוט שהקצף לא הי׳ מצד התלונה עצמה, שהרי כו״כ תלונות היו לפני זו ולא יצא קצף, ועכצ״ל שסיבת הקצף היתה קשורה עם „מעשה קרח״ (בכלל) — מ״מ, סו״ס לא בא הקצף על עון זה ד„יכנסו זרים בעבודתם זו״. ולהעיר מראב״ע וחזקוני כאן שהביאו מעוזא שנגע בארון (ש״ב ו, ז) [אבל לכאורה אין זה שייך ל„יכנסו זרים בעבודתם זו״]. ולהעיר ממש״נ לקמן (בהעלותך ח, יט) ולא יהי׳ בבנ״י נגף גו׳, ושם לא הביא רש״י ראי׳.

15) קרח טז, לה. וראה שם, יז־יח.

16) לעיל פסוק נא.

17) כפשטות לשון הכתוב כאן (א, נג) „ושמרו הלוים את משמרת משכן העדות״, שקאי על שמירת המשכן. וכפי׳ הראב״ע, רמב״ן ועוד עה״פ. ומזה שרק עה״פ „ושמרו את משמרתו״ דלקמן (ג, ז) פרש״י „כל מנוי כו׳ קרוי משמרת״ משמע, שכאן גם רש״י ס״ל שפירושו הוא ענין השמירה* (וראה לקו״ש חי״ג ע׳ 14). ולהעיר מפרש״י לעיל אמור כב, ט.

18) ראה קרח שם (יז, ה).

*) ואף שכותב לקמן שם „קרוי משמרת **בכל המקרא**״ — לכאורה כוונתו בזה רק שבכ״מ נק׳ מינוי בלשון משמרת אבל לא שבכ״מ שכתוב משמרת פירושו (רק) מינוי. ואכ״מ.

מפרשים זאָגן[19], אַז דער ענין אין רש״י קומט בהמשך צו אַ פריערדיקן פרש״י אויף „והזר הקרב יומת״[16] — וואָס רש״י איז מפרש: יומת — בידי שמים. דלכאורה, פון וואַנעט נעמט רש״י (בפשוטו של מקרא) צו לערנען אַז „יומת״ מיינט „בידי שמים״ און ניט בידי אדם[20]? ואדרבה: אויפן פסוק „וגם בעליו יומת״ (אין פ׳ משפטים[21]) איז רש״י מפרש „בידי שמים, יכול בידי אדם ת״ל כו״. זעט מען אַז לולא דער ראי׳ ממקום אחר וואָלט מען געדאַרפט טייטשן „יומת״ אַ מיתה בידי אדם.

אויף דעם ברענגט רש״י (דאָ) אַז מען לערנט עס אָפּ פון פסוק „ולא יהי׳ קצף״ וואָס מיינט אַן עונש בידי שמים — „כמו שמצינו במעשה קרח״, וואָס ביי מעשה קרח איז דער עונש (פון די מקריבי הקטורת[22]) געווען בידי שמים. איז דער־פון מוכח אַז „והזר הקרב יומת״ מיינט „בידי שמים״.

אָבער לכאורה איז דער פירוש אַ דוחק גדול, וואָרום אין דעם פירוש רש״י איז ניטאָ קיין רמז צו זיין פריערדיקן פירוש „יומת — בידי שמים״; און פון פשטות לשון רש״י דאָ איז משמע, אַז די ראי׳ פון „מעשה קרח״ איז אויף דעם עצם ענין אַז אויב „יכנסו זרים בעבודתם זו יהי׳ קצף״[23].

ג. וי״ל דעם ביאור אין דעם: ובהקדם הערה אין דעם סדר הכתובים: צווישן דעם פסוק „והזר הקרב יומת״ און „ולא יהי׳ קצף״ איז די תורה מפסיק מיט׳ן פסוק „וחנו בני ישראל איש על מחנהו ואיש על דגלו לצבאותם״, און (התחלת פסוק זה) „והלוים יחנו סביב למשכן העדות״.

איז ניט מובן וואָס איז דער פשט פון „ולא יהי׳ קצף״:

אויב „ולא יהי׳ קצף״ מיינט דעם עונש פון „והזר הקרב יומת״ און ער רעדט וועגן בני ישראל און ניט בנוגע די לוים — איז דאָך קשה: א) ווי קומען אַריין די ענינים הנ״ל (וועגן דעם מקום החני׳ פון בנ״י) צווישן די צוויי פסוקים וואָס זיינען היינו הך (דעם עונש פון אַ זר הקרב לעבודתם זו); ב) תרתי פסוקי למה לן: וואָס איז מוסיף דער „ולא יהי׳ קצף״ נאָך „והזר הקרב יומת״?

און אויב דער „ולא יהי׳ קצף״ מיינט נאָר בשייכות צו די לוים (ומתורצות ב׳ קושיות הנ״ל), אַז אויב די לוים וועלן ניט חונה זיין סביב למשכן (אפילו ווען דאָס האָט ניט געבראַכט צו „והזר הקרב״) רופט עס אַרויס אַ „קצף״

— און „קצף״ איז פירושו (ניט עונש מיתה, נאָר) אַ לייכטערער עונש: אַזוי זיינען די לויים „לגיון של מלך״[24] און „והיו לי הלוים״[25], „נתונים נתונים המה לי״[26] — בקירוב צום אויבערשטן; אָבער אויב זיי וועלן ניט חונה זיין „סביב

---

19) שפ״ח ומשכיל לדוד כאן. וראה רא״ם לעיל פסוק נא. וראה הערה 22.

20) וכפי׳ הראב״ע שם. וראה רא״ם שם (ע״פ פרש״י קדושים כ, י).

21) כא, כט. וראה משכיל לדוד כאן.

22) עפ״ז מתורץ מה שהקשה בגו״א (לעיל פסוק נא) דאין ראי׳ מ„ולא יהי׳ קצף״ שגם החוטא (הזר הקרב) מיתתו ביד״ש — כי גם החוטאים במעשה קרח מתו ביד״ש. וראה משכיל לדוד כאן.

23) כלומר: אף שי״ל דמה שפרש״י לעיל „בידי שמים״ הוא מפני שסומך על פירושו כאן (שילפינן ממעשה קרח) — מ״מ, דוחק גדול לומר שכוונת רש״י בפירושו כאן („כמו שמצינו כו׳״) היא רק להביא ראי׳ על פירושו דלעיל.

24) פרש״י לעיל א, מט.

25) פרשתנו לקמן ג, יב.

26) בהעלותך ח, טז.

למשכן העדות" וועט זיין פאַרקערט — „קצף" אויף זיי —

איז דאָך נאָכמער קשה: דער פסוק זאָגט מפורש „(ולא יהי' קצף) על עדת בני ישראל", פאַרשטייט מען אַז דאָ רעדט זיך בשייכות צו (אַ חטא מצד) די בני ישראל — **ניט די לוים**[27]!

ד. דעריבער זאָגט רש"י „אם תעשו כמצותי לא יהי' קצף ואם לאו שיכנסו זרים בעבודתם זו יהי' קצף", דערמיט איז רש"י מיישב די סתירה הנ"ל אין די פסוקים:

דאָס וואָס „ולא יהי' קצף" שטייט אין פסוק בשייכות צו „והלוים יחנו סביב למשכן", איז ווייל דאָס באַוואָרנט ס'זאָל ניט זיין „קצף" אויף „עדת בני ישראל":

„אם תעשו כמצותי" — אויב מ'איז מקיים די מצוות וואָס ריידן זיך דאָ אין דער פרשה, וואָס זייער תוכן כללי איז „והלוים יחנו סביב למשכן העדות" (כדלקמן) — דאַן „ולא יהי' קצף";

„ואם לאו", און אויב מ'וועט ניט טאָן „כמצותי", וועט דאָס זיין אַ סיבה צו דערפירן אַז „יכנסו זרים בעבודתם זו" — ובמילא „יהי' קצף על עדת בני ישראל".

די הסברה בזה:

די נקודה פון דער פרשה איז — „ואתה הפקד את הלוים על משכן העדות גו' והם ישרתהו גו'"[28]. אַ ציווי ואזהרה אויף דער „הבדלה" און די „גבולות"[29] וואָס דער אויבערשטער האָט אַיינגעשטעלט צווישן די לוים און ישראלים[30]. און דערמיט וועט פאַרהיט אַז „זרים" וועלן ניט צוקומען צו משכן.

און דערפאַר זאָגט אָן די תורה דאָ „וחנו בני ישראל איש על מחנהו ואיש על דגלו לצבאותם" — דאָס איז ניט בלויז צו באַוואָרענען און פאַרמיידן דעם ענין פון „והזר הקרב יומת" (ער זאָל ניט קומען צו טאָן עבודת הלוי'), נאָר אַ ציווי פאַר זיך, אַז מען מוז אָנהאַלטן די הבדלות און גבולות ביי די בני ישראל[31].

און בהמשך לזה זאָגט די תורה „והלוים יחנו סביב למשכן העדות ולא יהי' קצף על עדת בני ישראל": דער פסוק איז ממשיך אין דעם חומר פון אָפּהיטן די אַיינגעשטעלטע מחיצות („וחנו בני ישראל איש על מחנהו גו' והלוים יחנו סביב למשכן גו'"), וואָס דערמיט וועט פאַרזיכערט עס זאָל ניט זיין קיין „קצף";

און דאָס איז רש"י מדגיש בלשונו „אם תעשו כמצותי — קיום המחיצות — לא יהי' קצף", ומכלל לאו אתה שומע הן — אַז ביטול המחיצות איז גורם „קצף" — נאָר דעמאָלט איז דער „קצף" נאָר „בכח". און דערפאַר איז רש"י מסביר ומדגיש „ואם לאו שיכנסו זרים בעבודתם זו יהי' קצף", אַז דוקא ווען ביטול המחיצות דערפירט צו „יכנסו זרים כו'" בפועל, דאַן „יהי' קצף" — בפועל.

---

27) ובאלשיך כאן משמע שמפרש דהקצף יהי' על עדת בנ"י אם הם יחנו שם במקום הלוים.

28) א, נ.

29) ראה פרש"י דלקמן הערה 38.

30) ראה ספורנו ואלשיך בפסוקים אלה.

31) עפ"ז מובנת ג"כ השייכות דכל פסוקים אלה (א, נ־נג) לכאן, דלכאורה מקומם הי' צ"ל אחרי פרשת הדגלים —

כי פסוקים אלה באים להורות שהמדובר להלן צ"ל בדיוק ורק אז „לא יהי' קצף". וראה מפרשים שבהערה הקודמת. ראב"ע כאן. ועוד.

ה. לויט דעם וועט מען פאַרשטיין פאַרוואָס רש״י איז משנה בלשונו און אַנשטאָט צו נוצן לשון הכתוב „והזר הקרב״ זאָגט ער „שיכנסו זרים בעבודתם זו״ — ווייל די צוויי פסוקים ריידן וועגן באַזונדערע ענינים:

דער פריערדיקער פסוק רעדט וועגן דעם עונש פרטי פון אַ זר פרטי וואָס איז באַגאַנגען דעם חטא פון „קרב לעבודתם זו״ — די עבודה וואָס שטייט אין דעם פסוק: פירוק והקמת המשכן.

און דערפאַר שטייט „והזר״ — ל׳ יחיד, ווייל אויך אַ יחיד איז אסור די עבודה פון פירוק והקמת המשכן.

משא״כ „בעבודתם זו״ וואָס רש״י זאָגט דאָ (אין פסוק „ולא יהי׳ קצף״) באַציט זיך צו דער „עבודה״ פון דעם פסוק[32] — „וחנו בני ישראל איש על מחנהו גו׳ והלוים יחנו סביב למשכן העדות״, אַז עס טאָר ניט זיין ביטול המחיצות (בכלל), „מחנה״ ישראל און „מחנה״ לויים דאַרפן זיין אָפּגעטיילט, באַזונדער[33].

און דערפאַר זאָגט רש״י „שיכנסו זרים״ — ל׳ רבים, ווייל ווען אַ ישראל (אַ יחיד) איז תוקע אהלו במחנה לוי׳[34], ווערט דורכדעם ניט געשאַפן אַ „מחנה״ ישראל במקום מחנה לוי׳ — מחנה ווערט דורך אַ רבים[35] („זרים״[36]).

ומהאי טעמא איז רש״י משנה (פון ל׳ הפסוק „הקרב״) צו „יכנסו״ — ווייל אין אונזער פסוק, וואו עס רעדט זיך וועגן אַ חני׳ במחנה לוי׳, פאַסט ניט דערויף דער לשון „קרב״, נאָר „יכנסו״ (במחנה); משא״כ אין פריערדיקן פסוק, וואו עס רעדט זיך וועגן פירוק והקמת המשכן, איז להיפך — דאָרט פאַסט מער דער לשון „קרב״.

ו. עפ״ז איז אויך פאַרשטאַנדיק די ראי׳ פון „מעשה קרח״:

רש״י איז דערמיט אויסן צו ברענגען אַ ראי׳ אויף די צוויי קצוות הנ״ל (סעיף ד): אַז דער ביטול המחיצות גרידא — ווען ס׳פעלט נאָר דער „תעשו כמצותי״ — איז שוין גורם אַ קצף; אָבער לאידך, ווען קומט דער קצף בפועל, ערשט נאָכדעם ווי ס׳איז דאָ דער „יכנסו זרים בעבודתם זו״ בפועל ממש.

און דאָס זעט מען ביי מעשה קרח[37]: דער חטא פון קרח איז געווען וואָס ער האָט געוואָלט מבטל זיין די הבדלות ביי אידן, ווי זיין טענה[38]: כי כל העדה כולם קדושים גו׳ ומדוע תתנשאו על קהל ה׳. און דער חטא האָט אַרויסגערופן אַ „קצף״ אויף אַלע אידן — „וידבר ה׳ גו׳

32) שלכן מדגיש רש״י „(עבודתם) זו״ בכל פסוק בפ״ע.

33) ולשון רש״י „עבודתם (זו)״, שלכאורה אינה עבודה, כי מחנה לוי׳ סביב למשכן — הוא שמירת הלוים את משמרת משכן העדות כמו שלהקים ולהוריד נקרא משמרת (פרש״י בהעלותך ח, כו).

34) וי״ל שכן הוא גם בחניית כמה לויים בתוך מחנה ישראל — כי בענין זה (הפרדת המחנות) אין נפק״מ בין ישראל במחנה לוי׳ או להיפך. — וראה אלשיך הובא בהערה 27.

35) וגם ע״ד ההלכה לא מצינו איסור לישראל לדור במחנה לוי׳ ובערי הלוים או להיפך.

36) ועפ״ז אפ״ל, דמש״נ „(קצף) על עדת בנ״י״ — ל׳ רבים (דלא כבראב״ע שבהערה 11) — כי החטא „בעבודתם זו״ שייך רק ברבים (ודלא כמ״ש בגו״א לעיל פסוק נא דה„קצף״ הוא על שאר בנ״י שלא חטאו).

37) והיינו שאין כוונת רש״י להביא ראי׳ שזהו העונש על עון זה (שהרי אין זה אותו העון, וכנ״ל בפנים והערה 14) — כ״א להביא דוגמא על ב׳ הקצוות באופן ה„קצף״ מענין דומה ממש מצד „תוכן״ החטא (ביטול הגבולות כו׳ בבנ״י).

38) קרח טז, ג. וראה פרש״י שם, ה („ומדרשו״).

הבדלו מתוך העדה גו׳ ואכלה אותם כרגע״[39];

אָבער לאידך, אע״פ אַז שוין אין דעם האָט קרח אַריינגעצויגן „כל העדה״ („נתפתו כולם״)[40], איז דער „קצף״ ניט געווען בפועל (וכטענת משה ואהרן[41]: האיש אחד יחטא ועל כל העדה תקצוף); און ערשט נאָך דעם ווי די ר״נ איש האָבן געבראַכט קטורת — ד.ה. דער ביטול ההבדלות האָט געבראַכט צו אַ פועל ממש, אַז „יקרב איש זר אשר לא מזרע אהרן הוא להקטיר קטורת לפני ה׳״[42], ביז אַז אידן האָבן לאחרי מעשה קרח נאָך מתלונן געווען כו׳ — איז דאַן דער „קצף״ (וואָס האָט זיך שוין אָנגע־הויבן פון פריער[43]) אַרויס בפועל, „יצא הקצף גו׳״.

ז. דערפון האָט מען אַ לימוד אויף וויפל מ׳דאַרף זיין זהיר כלפי אַ צווייטן אידן:

אע״פ אַז קרח האָט מקהיל געווען את כל העדה אין אַ מחלוקת אויף משה רבינו[40], פונדעסטוועגן איז נאָך ניט גע־ווען קיין „יצא הקצף מלפני ה׳״. נאָך מער: כל זמן קרח האָט בלויז געפירט די מחלוקת בטענות ובדבור, און דאָס האָט זיך ניט אויסגעדריקט אין אַ מעשה בפועל, איז אפילו אויף קרח ועדתו נאָך ניט געקומען קיין עונש[44].

דוקא ווען ס׳איז געוואָרן די מעשה בפועל (נאָך דער אזהרה חמורה[45]) און זיי האָבן געבראַכט קטורת, איז געוואָרן דער קצף — פריער דער עונש אויף זיי, און דערנאָך די מגיפה אויף בני ישראל.

און דערפון האָט מען אַ הוראה:

אפילו אַ אידן וואָס מצד סיבות שונות ומשונות פעלט ביי אים אין דעם ענין פון שמירה מדברים בלתי רצויים, איז כל זמן עס קומט ניט אין אַ מעשה בפועל „לחלוק על הקב״ה״[46], איז דער איד נאָך אין אַ מעמד ומצב אַז ער האָט אַ נשיאת חן בעיני אלקים, ס׳איז ניטאָ קיין ענין של קצף ח״ו.

ואדרבה: דער אויבערשטער איז מאריך אַף און „הקב״ה עוזרו״[47] אין אַן אופן פון חן און אהבה אַז ער זאָל תשובה טאָן, און ווערן אַן „אהוב ונחמד לפני הבורא כו׳״[48].

(משיחות מוצאי ש״פ במדבר תשל״ט)

39) שם, כ־כא (וכהמשך בפסוק שלאח״ז „ועל כל העדה תקצוף״).

40) שם, יט ובפרש״י.

41) שם, כב. וראה פרש״י שם (נת׳ בלקו״ש חי״ג ע׳ 51 ואילך).

42) קרח יז, ה. וראה פרש״י שם טז, ו. יז, יג.

43) ראה לעיל הערה 14.

44) ראה פרש״י קרח טז, כה (ועיד פרש״י שם, יב).

45) כפרש״י קרח שם, ו־ז.

46) לשון רש״י קרח שם, ח. ועד״ז שם יז, ג.

47) סוכה נב, ריש ע״ב. ולהעיר מרמב״ם הל׳ תשובה פ״ו ה״ד.

48) רמב״ם הל׳ תשובה פ״ז ה״ד. וראה שם ה״ה ואילך.